

# הרה"ח ר' יהושע הלוי ווערצבערגער שליט"א (מד)

## איך ברויך בעלי בתים עשירים!

דארט ביי די ארבעט פלעגט טעגליך פארלערנען הרה"ח ר' שאול יחזקאל קרויס ז"ל נאך תפלת מנחה עטליכע הלכות פון ספר משנה ברורה.

ר' שאול יחזקאל האט מיר דערציילט אז עס איז געווען א תקופה ווען עס איז אביסל שוואך געגאנגען די פרנסה ביי די דיאמאנטן, האט פאסירט אמאל אין יענע תקופה אז דער רבי זי"ע האט אנגעטראפן ר' שאול יחזקאל אין א זונטאג אין ביהמ"ד אין א שפעטע שעה. דער רבי האט אים געפרעגט וואס ער זוכט דא אין אזא שפעטע שעה, האט ער געענטפערט אז עס איז נישטא געהעריג קיין ארבעט, און ער האט אראפגעלייגט פארן רבי'ן ווי שטארק מען מוטשעט זיך פאר פרנסה.

האט אים דער רבי געזאגט: "איך בין נישט מסכים דערצו, איך ברויך האבן בעלי בתים עשירים..."

אויפצומארגנס מאנטאג ביים אריינקומען צו דער ארבעט האט ער דאס איבער דערציילט פאר'ן בעה"ב דער סטריזובער רבי כ"ק הגה"צ רבי הערשל שליט"א, האט ער זיך צוגעכאפט צום רבי'נס ברכת הקודש, זאגנדיג: אצינד האב איך שוין א ברכה פון רבי'ן אז די ביזנעס זאל זיך צוריקשטעלן אויף די פוס... וכן הוה, מאותו היום והלאה האט די ביזנעס צוריק אויפגעבליט, און עס איז ב"ה ווייטער געווען פרנסה בריווח פארן גאנצן היימישן ציבור לאורך ימים.

## שיינע זכרונות פון 47 סט.

עס קומט כסדר אויף נאך זכרונות פון אונזער ארבעט אין יענע יארן מיט די אמאליגע ווארימע חסיד'ישע אידן וואס האבן געארבעט אין 47 סטריט. ווי קען זיך פארגעסן ווען צווישן אונז איז געווען דער בארימטער איש חסיד ר' נפתלי לעבאוויטש ז"ל, דער תורה שרייבער פונעם רבי'נס תורות, וואס מיר האבן ליידער פארלוירן אין די לעצטע וואכן.

עס פלעגט דארט זיין יעדן טאג מנינים מנחה, און ר' נפתלי פלעגט זיך ארומדרייען מיט די פושקע לטובת מוסדות יטב לב באהר"ק, עס איז געווען מלא טעם וחן.

דארט איז אויך געווען הרה"ח ר' דוד גרינצווייג ז"ל, פון די גרויסע באבוב'ע חסידים, א מקורב צום באבוב'ער רב ז"ל, ער איז געווען א שיינער בעל מנגן, ער איז געווען א גרויסער עסקן און איש ציבור אין בארא פארק קאנסול, און געטון אסאך טובות פאר אידן.

יעדן פרייטאג ווען מיר זענען געווען ביי די ארבעט האט ר' דוד שוין ארומגעקאכט מיטן שבת. ער האט געזינגען די ווארעמע שבת'דיגע זמירות, זיך גרייטנדיג צום שבת, און עס איז געווען אין א בחינה פון טופח על מנת להטפיח, ער האט אונז אלע מיטגעשלעפט, עס פארגעסט זיך נישט ווי מיר האבן געזינגען דעם באקאנטן הארציגן וויזניצ'ער "מנוחה ושמחה", און דער גאנצער עולם האט מיטגעזינגען מיט אים אינאיינעם מיט א התלהבות און א ברען.

עס איז באמת געווען זייער שיינע זמנים, הערליכע זכרונות ליגט איינגעקריצט אין די מחשבה פון יענע תקופה ווען מיר האבן געארבעט אין 47 סט. מיט די ערליכע, פארצייטישע, אמאליגע חסיד'ישע אידן. איך קען אויך פארציילן זייער אסאך השגחה פרטיות און סייעתא דשמיא וואס מיר האבן מיטגעלעבט אין יענע צייט, וואס מיר האבן כסדר געזען איינס ביי איינס ווי אזוי "הזן את עולמו כולו בטובו בחן בחסד וברחמים", אלעס ליגט ביים רבש"ע אין די הענט.

לדוגמא, דערמאנט זיך איין פאל ווען אונזער בעל הבית, דער סטריזובער רבי שליט"א, האט געהאלטן אינמיטן אפשאצן א טייערן 10 קאראט שטיין צו וויסן וויפיל דאס איז ווערד. ער האט דאס אריינגעשטעלט אינעם 'צאנגער' (דאס איז אזא רעדל וואס דרייט זיך שנעל, און מיט דעם זעט מען דעם ווערט פונעם שטיין), און בשעת ער האט ארויפגעלייגט דעם שטיין אויפן דרייענדיגן



דער סטריזשובער רבי שליט"א ביים טאנצן מצוה טאנץ ביי א שמחה אין די משפחה



מתיקות'דיג בילד פון הגה"צ גאב"ד סיגעיט זצ"ל מיט אור-אייניקל ביי שמחת החתונה בחצר הקודש סאטמאר

רעדל, איז דאס פונעם שטארקן קראפט אראפגעשפרינגען, מען האט זיך ארויסגעלאזט זוכן דעם שטיין, דאס איז געווען ווערד א אוצר.

מען האט איבערגעדרייט דעם גאנצן אפיס און נישט געפונען דאס שטיקל שטיין, ר' דוד גרינצווייג איז דארט געווען, האט ער זיך אנגערופן אז "מיר דאכט זיך אז דער שטיקל שטיין איז ארויסגעפלויגן פון פענסטער, און געפאלן אויפן דאך פונעם דערנעבנדיגן בנין אויף די 48'סטע גאס". עס האט אויסגעזען זייער רחוק מן המציאות אזוי צו זאגן, אבער מען האט זיך נישט געפוילט, מען איז אהינגעגאנגען זוכן, און עס איז טאקע דארט געטראפן געווארן, עס איז געווען א השגחה פרטיות למעלה מדרך הטבע.

אויך איז געווען אמאל בעפאר פסח ווען הגה"צ ר' אברהם ברוך זינגער שליט"א, דער אלכסנדר ראש ישיבה, אן איידעם ביים סטריזובער רב'ן שליט"א, וועלכער איז געווען א 'בראוקער', האט גענומען א שטיין אין די האנט כדי דאס צו אפשאצן, און עס איז בטעות ארויסגעפאלן פון זיינע הענט, און עס איז פארשוואונדן געווארן. מען האט געזוכט איבער'ן גאנצן צימער, אונטער'ן קארפעט, איבערגעדרייט יעדע זאך וואס איז נאר געווען דארט אין צימער, אבער מען האט נישט געטראפן, בלית ברירה האט מען זיך מייאש געווען דערפון.

לאנגע וואכן שפעטער, אינמיטן זומער אין די קאנטרי, האט הרבנית זינגער תחי' ארויסגעוואשן די הויזן, און עס האט זיך איר געדאכט אז זי הערט א רעש פון וואש-מאשין, האט מען דארט געפונען דעם שטיין וואס איז נעלם געווארן און בטעות אריינגעפאלן אין הויזן-טאש.

כהאי גוונא איז דא זייער אסאך לעכטיגע, זיסע זכרונות וואס מיר קענען פארציילן פון די ארבעט וואס איז געווען דארט אין 47 סטריט.

עס בענקט זיך צו די געהויבענע חסידים ואנשי מעשה, תלמידי חכמים מובהקים ובנש"ק וואס האבן עוסק געווען פאר פרנסה און זיך אויפגעפירט ביי די ארבעט אזוי געהויבן, אזוי הייליג, אזוי לעכטיג ווי עס פאסט זיך פאר חסידים ראשונים און אייניקלער פון צדיקי עולם, פון וואס מיר האבן זיך כסדר זייער אסאך געלערנט.

## אונזער הכנסת ספר תורה

איך וועל דא איבערגעבן איינע פון די שיינע זכרונות פון קרית יואל, וואס איז געווען ביי אונז א גאר געהויבענע געלעגנהייט, דער מעמד הכנסת ספר תורה וואס איך האב זוכה געווען צו אריינגעבן לע"נ מיינע עלטערן ע"ה.

עס איז געווען אין א תקופה ווען עס איז צו מיר אנגעקומען א גרעסערע סומע געלט פון א געוויסע פאליסי, וואס מחמת כמה סיבות האב איך מחליט געווען נישט צו ניצן דאס געלט פאר'ן פריוואטן געברויך, נאר פאר א דבר מצוה.

דאן איז געבליבן די החלטה אז מיר גייען מקיים זיין מצות כתיבת ספר תורה, די גרויסע מצוה פון "ועתה כתבו לכם את השירה הזאת", און לאזן שרייבן א ספר תורה.

מיר האבן אויפגענומען א חשוב'ן סופר דער בארימטער עסקן נמרץ ומציל נפשות הרה"ח ר' יצחק שלמה פאלאטשעק הי"ו, וואס האט געשריבן די ספר תורה מיט אלע הידורים, און די פארמעט האט מען גענומען ביי הרה"ח ר' שאול לייב זאלדאן שליט"א.

איך האב נישט געהאט מתחילה קיין חשק צו מאכן א גרויסע איבערקערעניש פון די הכנסת ספר תורה, און מיין עיקר מחשבה איז געווען אז מיר וועלן דאס אריינגעבן יום טוב שבועות אין בית המדרש הגדול אין קרית יואל.

למעשה, ווען דאס איז אויסגעשמועסט געווארן ביי די בני המשפחה, האט זיך ארויסגעשטעלט אז דער ציבור איז נישט מסכים. עס איז למעשה געווען די ערשטע הכנסת ספר תורה ביי אונז אין די משפחה, און יעדער האט געוואלט מיטהאלטן די גרויסע שמחה, האבן מיר דאס קובע געווען אויף חודש תמוז.

און דאס איז געווען זייער א געהויבענע און א לעכטיגע שמחה וואס לאזט זיך נישט פארגעסן. און עס איז ביי יעדן געבליבן אין די ביינער אלס א גאר היסטארישער מאמענט און א שטארקע איבערלעבעניש ביי אונז אין די משפחה. עס איז געווען מיט די באטייליגונג פון די גאנצע ווערצבערגער משפחה, פון מיר און מיינע קינדער און אייניקלעך, און אזוי אויך די קינדער און אייניקלעך פון מיינע געשוויסטער.

דער סטריזובער רבי שליט"א איז ארויסגעקומען זיך באטייליגן, ער האט געזאגט "לדוד מזמור", איך האב זייער געוואלט ער זאל זאגן א דרשה ביי די סעודת מצוה, אבער ער האט דאס אפגעזאגט.

דער הויפט רעדנער ביי די מסיבה איז געווען הגה"צ ר' שמעון זאב מייזליש שליט"א חדב"ן ורב ביהמ"ד ישמח משה קרית יואל.

ווי איך האב שוין דערמאנט בין איך געווען זייער נאנט מיט זיין פאטער דער סיגעיטער רב זצ"ל, איך האב מיט אים אסאך געשמועסט און געהערט פון אים אסאך דרשות, און אויך זוכה געווען אים צו העלפן ביי פארשידענע געלעגנהייטן.

**פאָרזעצונג קומט אי"ה**